בס"ד

# אבותינו בולעטין

א קורצע איבערזיכט פון די וועכנטליכע אקטיוויטעטן פון "אבותינו"

ערש"ק **פנחס** תשפ"ג
גליון **652**
07. 05. 23

**ברכת מזל טוב**

להידידים היקרים נכבדים וחשובים אנשי שם:

הגה"צ **דומ"ץ צעהלים** שליט"א
מרבני הוועד ביה"ח **טאשנאד**

הגה"צ **אב"ד אויוואראש** שליט"א
מרבני הוועד ביה"ח **אויוואראש**

ובנו הרה"ג ר' **משה נתנאל** שליט"א
חבר הוועד ביה"ח **אויוואראש**

הרה"ח ר' **יעקב אלכסנדר גוטמאן** שליט"א
חבר הנהלת המוסד אבותינו

הרה"ח ר' **משה אהרן קעסטענבוים** שליט"א
מנאמני אבותינו

הרה"ג ר' **שלמה שבתי קעסטענבוים** שליט"א
חבר וועד ביה"ח **רוזוואדוב**

**ויזכו כולם לראות רב נחת דקדושה מכל יוצ"ח**

## אויבערראנא, רומעניא

**שטארק איבערגעוואקסענע ביה"ח, ווערט גרונטליך גערייניגט אין צוגרייטונג צום איבערבויען אי"ה אין די קומענדע טעג, מיט א הערליך נייעם גדר, בכבוד הראוי לתפארת ראשי האבות ז"ל**

בנדבת: הרבני הנכבד בונה עולמות של תורה
מוה"ר **מרדכי גוטמאן** שליט"א
**וזכות הקדושים אשר בארץ המה יגן להוושע בכט"ס**




## באלטשקע, אונגארן

### גילו חשוב - פרישע אנטדעקונג :

**און המשך צו די בשורה מרנינה ווי עס איז אויפגעדעקט געווארן מצבת של הרב החסיד ר' אברהם הכהן ז"ל, מראשי האבות לבית הערמאן החשובה, איז איצט בעזהש"י נתגלה געווארן נאך פיל מיה והשתדלות מציבות זוג' האשה החשובה והיקרה מרת בלימלה ע"ה**

די בני המשפחה זייענדיג גאר שטארק אונטערן רושם, ווערט יעצט אנגעוואנדן פיל השתדלות צו שאפן די נויטיגע פאנדן, בכדי אפצוראטעווען מקום הקודש, און ארומצוימען מיט א דויערהאפטן גדר און אוועקשטעלן די ביה"ח בכבוד הראוי.

**התודה והברכה לידידינו הרה"ח ר' שמואל צבי שפיצטער שליט"א - יו"ר מכון לדור ודור, אשר בזכות השתדלותו הגיעני עד הלום וזכות אבות יגן להוושע בכט"ס.**



Bolcske, Hungary




## פריסטיק, פוילן

מקום מנוחת קדשו של הגה"ק **רבי מנחם מענדל האלבערשטאם** זי"ע - אבד"ק, חדב"נ של רבינו הקדוש **בעל דברי יחזקאל** זי"ע, ואבי **הגה"ק מ'קאלאשיץ** זי"ע

בנשיאות הגה"צ ר' **נפתלי פינחס ענגלענדער** שליט"א
דיין ומו"ץ דקהל יט"ל ד'סאטמאר-לאנדאן

**און די טעג איז פארענדיגט געווארן די גרויסע אונטערנעמונג און די ביה"ח איז הערליך גערייניגט, נאכ'ן פארענדיגן ארומנעמען די ביה"ח, איצט איז דער פלאן ממשיך זיין מיט איבערבויען מקום מנוחת קדשו פונעם פריסטיק'ער רב זי"ע**

**וזכות הצה"ק יגן על העוסקים ומסייעים להוושע בדבר ישועה ורחמים**



Frystak, Poland

## זאקליקאוו, פוילן

**ווי באריכטעט נאכן אנטדעקן די גבולות על מקום מנוחת קדשו של הגאון הקדוש רבינו יהודא לייב בעל ליקוטי מהרי"ל זי"ע גרייט מען זיך אין די טעג אנצוהויבען די בניית האוהל**

**בנדבת:** הרה"ג ר' **יודא בוים** שליט"א מח"ס פרי יהודה – יו"ר | **משפחת אייזענבערג** צאצאי הרה"ק מהרי"ל זיע"א ע"י הרב החסיד ר' **ביינוש אייזענבערג** שליט"א | הרבני הנכבד מוה"ר **אברהם מרדכי ראזנטאל** שליט"א | הרבני הנכבד מוה"ר **ישעי' טייטלבוים** שליט"א | הרבני הנכבד מוה"ר **שלמה דוב ווידער** שליט"א


Zakliow, Poland

## מאסיף, רומעניא

**בני המשפחה שאקירט, נאכן ערהאלטן באריכטן אז די ביה"ח איז ח"ו אין א סכנה, און דערפאר זענען צאצאי יוצאי העיר גאר שטארק אלארמירט, און עס ווערט יעצט פארמירט א וועד פון די חשובי צאצאי יוצאי העיר הי"ו, בכדי אנצו-ווענדן אלע מיטלען אפצוראטעווען מקום הקודש.**

**עס מוז זייער דריגענד וויכטיג געשאפן ווערן די נויטיגע פאנדן און זאפארט בויען א גדר ארום די ביה"ח**


Mosiei, Romania





פאר מער פרטים קענט איר זיך פארבונדן מיטן אפיס פון אבותינו אויף עקס. 303 אדער זיך פארבונדן מיט העסקן הנמרץ הנכבד מוה"ר **הערשל נאווי** הי"ו 914-714-4267

## יארצייטן

**מדור מיוחד בעד אלו גאו"ק זי"ע אשר היארצייט חל בשבוע זו ומנו"כ בהביה"ח שנכנו ע"י : י"ז תמוז:** רבי חיים צבי ב"ר דוד יהודה ליב מאנהיימער זצ"ל אב"ד **שאטמנסדארף ווערבוי אונגוואר** | רבי עזריאל ב"ר יוסף באנדער באדנער זצ"ל דומ"ץ **ביסטריץ** | רבי מרדכי יודא ב"ר נפתלי הירץ ווינקלער זצ"ל אב"ד **ה. מאד** | **י"ט תמוז:** רבי יצחק ב"ר עוזר פריעד זצ"ל **מקליינווארדיין** | **כ"ב תמוז:** רבי אורי שרגא פייוויל ב"ר אהרן זצ"ל **מדובענקא** | **כ"ג תמוז:** רבי ישעי' פאללאק זצ"ל דומ"ץ **גראסווארדיין** | רבי אברהם גאלער זצ"ל אב"ד **קריפטש**

Heritage Foundation For Preservation of Jewish Cemeteries (HFPJC) aka - Avoyseinu
18 Heyward St., Suite 200, Brooklyn, NY 11249 T: 718-640-1470 F: 718-228-8368 E: info@hfpjc.com
Mailing Address 199 Lee Avenue #1114 Brooklyn NY 11211
Affiliated Organizations: London: Committee for Preservation of Jewish Cemeteries in Europe • E. Yisroel: Asra Kadisha

HFPJC • אבותינו